ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 78

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## פארוואס אין חדר בין איך מצליח, און אינדערהיים נישט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך וועל גלייך צוגיין צום ענין, איך בין א מלמד ברוך ה', און ביי מיר אין כיתה איז מורא'דיג געשמאק און פאזיטיוו, אלע זענען פרייליך, איך לויב און רום יעדן אויס, איך שמייכל צו יעדן, איך לערן ברוך ה' פאר מיט געשמאק, איך פאלג וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט פאר די מלמדים.*

*וואס זאל איך אבער טון אז ביי מיר אין שטוב איז חושך ענן וערפל, איך שריי אויף די קינדער, איך הער נישט אויף טיילן פסקים. דעם יום טוב האב איך עטליכע מאל געשלאגן מיין זון, און איין מאל מיין טאכטער.*

*עס הייבט זיך אן אז מיין זון איז נישט דרך ארץ'דיג, און מיין טאכטער זאגט יעדע מינוט "ניין" פאר מיין ווייב און פאר מיר. און ווי נאר עס ווערט נישט פרייליך אינדערהיים, בין איך מקפיד אויף יעדע זאך, עס ווערט אנגעצויגן.*

*אויב דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר פרעגן, "פארוואס טאקע איז דאס אזוי?", איך בין נישט אזוי קלוג זיך אליין ארויס צו האבן, צי עס האט מיט דעם אז מיין ווייב איז נישט איינשטימיג מיט מיר און צי שעצט מיר נישט, דערפאר איז מיין מח ענג און אינדערהיים פארליר איך דעם שמייכל, און די לופט ווערט אנגעצויגן, אדער קען זיין אז אין חדר איז עס אביסל 'געמאכט', 'כלומר'שט', מען מאכט א שמייכל און מען גריסט יעדן מען רימט יעדן וכו', ווידער אינדערהיים איז עס צו אמת'דיג? עס איז נישטא די אראפגעלאזקייט צו שמייכלען וכו'. אויך קען זיין אז איך האב פשוט נישט קיין אנונג פון וואס דאס קומט. אפשר קען מיר דער ראש ישיבה שליט"א העלפן ביטע?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת אחרי-ב', כ"ד ניסן, ט' לעומר, שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### מען דארף האבן אייזערנע נערוון

חינוך הבנים והבנות איז נישט קיין גרינגע זאך, עס איז פון די שווערסטע עבודות, מען דארף האבן אייזערנע נערוון זיך צו קענען האלטן רואיג און פרייליך, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, בפרט ווען עס קומט יום טוב ווען מען זיצט א גאנצע וואך אין שטוב מיט די קינדער, נאך א סעודה און נאך א סעודה, דארף מען אסאך בעטן דעם איבערשטן מען זאל בלייבן פרייליך און וויסן ווי אזוי צו מחנך זיין די קינדער, ווען צו זאגן, וויפיל צו זאגן און ווי אזוי צו זאגן.

### גענענדיגט מיט נוצן הענט

הדבר הראשון זאלסטו מער נישט נוצן קיין הענט, נישטא אזא זאך שלאגן קינדער, דער רבי איז געווען זייער שטרענג אויף דעם, מען זאל נישט שלאגן די קינדער. דער רבי האט געזאגט: "וואס מען פועל'ט מיט שלעכטס וואלט מען געקענט בעסער און גרינגער פועל'ן מיט גוטנס", גענענדיגט מיט נוצן הענט, נוץ די הענט נאר צו גלעטן און צו קניפן אין בעקל, גענענדיגט מיט שלאגן.

### מען איז זיך מבטל צום אייבערשטן

שנית זאלסטו זיך נישט אראפקלאפן, אפילו דיין ווייב איז מיט דיר נישט איינשטימיג, זי האט איר גאנג וכו', זאל דיר דאס נישט אראפווארפן; איי וועסטו פרעגן ווי אזוי מאכט מען דאס? ווי קען מען זיין בגדלות המוחין אז מען לעבט מיט א ווייב וואס איז מזלזל? דער ענטפער איז, דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן פב), ווען מען איז זיך מבטל צום אייבערשטן, מען וויל גארנישט, מען וויל נאר טון די רצון השם, מען האט ליב די ווייב **וויל דער אייבערשטער האט געהייסן**, נישט ווייל מען גייט צוריק באקומען פון איר עפעס, און נישט ווייל זי וועט זיין שיין צו מיר און רעדן שיין, נאר ווייל דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די פרוי און מיט איר האב איך קינדער, וועל איך איר ליב האבן - דעמאלט - זאגט דער רבי - ווערט די ווייב בטל צום מאן און מען קען לעבן א חיים טובים.

### די ווערטער זאלסטו זאגן מיט ליבשאפט

קלאפ זיך נישט אראפ, ערוואַרט נישט גארנישט פון דיין ווייב, און אז דיינע קינדער פאלגן נישט, זאלסטו זיי זאגן מיט ליבשאפט: **"דער אייבערשטער זאגט מען דארף פאלגן א טאטע און מאמע, און אז מען פאלגט א טאטע און מאמע באקומט מען א גרויסע שכר"**, די ווערטער זאלסטו זיי זאגן מיט ליבשאפט, (מיט א שטרענגע פנים אבער מיט ליבשאפט).

### דערצייל אים ווי שטארק דו ביסט צעקלאפט ביי דיר

ועל כולם גיי יעדן אינדערפרי ווײַן זיך אויס צום אייבערשטן, בעט אים איבער און בעט אים ער זאל דיך מקרב זיין, בעט אים ער זאל דיר געבן ליבשאפט, דיר ווייזן אז ער האט דיך ליב, דערצייל אים ווי שטארק דו ביסט צעקלאפט ביי דיר, דערצייל אים ווי דו שפירסט זיך ווי א שמאטע וכו' וכו', בעט אים ער זאל דיר מאכן שפירן גוט, דו זאלסט האבן א שטארקע אמונה און געדענקען אז מען גייט שוין באלד צוריק אהיים און מען נעמט גארנישט מיט, מען נעמט מיט נאר מצוות און מעשים טובים און די דורות וואס מען לאזט איבער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## לערנען ווען מ'שטייט אין געשעפט, ברענגט נישט קיין ביטול תורה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א גרויסן יישר כח אויף די געוואלדיגע שיעורים וואס צעען מיר ממש מחיה און ווייזן מיר דעם ריכטיגען וועג אין לעבן.*

*איך האב געהערט אויף איינע פון די שיעורים אז ווען מ'שטייט אין געשעפט און מ'ווארט אז קאסטומערס זאלן אריינקומען, זאל מען אין די צייט האבן א קליינע גמרא אדער משניות וכדומה, און אויסנוצן די ליידיגע צייט מיט לימוד התורה.*

*האב איך געוואלט פרעגן אויב דאס הייסט נישט קיין ביטול תורה, אז מ'דארף מפסיק זיין אינמיטן לערנען ווען א קאסטומער קומט אריין און מען דארף אים סערווירן.*

*יישר כח.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת פנחס, כ"א תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### דאס איז קיום התורה

אז מען נוצט אויס די צייט און מען לערנט אינמיטן די ארבעט איז דאס נישט קיין ביטול תורה, דאס איז קיום התורה און דאס איז דער וועג צו מצליח זיין. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה", זאג נישט 'ווען איך וועל האבן צייט און איך וועל נישט זיין פארנומען, דעמאלט וועל איך לערנען', ווייל "שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", עס קען זיין אז דו וועסט קיינמאל נישט האבן קיין צייט; עס זענען דא מענטשן וואס זענען שטענדיג פארנומען, ממילא קען זיין אז יעדעס מאל וועט זיין אנדערע תירוצים פארוואס מען קען נישט לערנען, דעריבער דארף מען אריין כאפן צו לערנען תורה ווען מען האט נאר צייט.

אזוי פירן זיך ברסלב'ע חסידים עד היום הזה; זיי נעמען שטענדיג מיט זיך א זעקל ספרים - א חומש'ל, א משניות'ל און א תהילים וכדומה, און ווען מען האט נאר א איבעריגע מינוט כאפט מען אריין אביסל גוטס.

### ווען א מענטש שטארבט, פרעגט מען אים...

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת לא.) ווען א מענטש שטארבט און קומט ארויף אויף יענע וועלט פרעגט מען אים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" זאגט דער רבי, דער פשט דערפון איז אז מען פרעגט די נשמה: "דו האסט אראפ גע'גנב'עט צייט צו לערנען תורה יעדן טאג, מיט אלע שוועריקייטן און איבערגייעכטס?" ווייל 'קֶבַע' איז א לשון פון 'גְּזֵלָה', אזוי ווי עס שטייט (משלי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ" (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רפד).

### וואס מיינט ביטול תורה

ביטול תורה הייסט, אז עס גייט אריבער א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, א חודש נאך א חודש - אן דעם וואס מען עפנט אויף א אידיש ספר; מען קען אויסקוקן פון אינדרויסן ווי א חשוב'ער איינגערמאן, אבער פון אינעווייניג איז מען א פיסטער יונג. עס גייט אריבער דעם יאר אן דעם וואס מען איז מעביר סדרה יעדע וואך, אן דעם וואס מען זאל אפילו האבן מסיים געווען איין מאל 'ששה סדרי משנה', אן דעם וואס מען זאל לערנען יעדן טאג א דף גמרא - דאס איז ביטול תורה.

### די סיבה פארוואס מענטשן לערנען נישט

דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן לערנען נישט; מען טראכט: 'איך בין אן ארבעטער, איך קען נישט לערנען. איך בין נישט קיין כולל איינגערמאן, איך בין נישט פון די רבנים וכו'; אזוי לעבט מען אפ דעם לעבן נעבעך אן תורה. אבער ווען מען וואלט ווען געוואוסט פון רבינ'ס "סדר דרך הלימוד" וואלט יעדער איד געלערנט און מסיים געווען צענדליגער מאל ששה סדרי משנה און ש"ס וכו' וכו'; מען וואלט געהאט אויף אלעם די צייט.

**עס איז פון די שווערסטע עבודות, מען דארף האבן אייזערנע נערוועון זיך צו קענען האלטן רואיג און פרייליך, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, בפרט ווען עס קומט יום טוב ווען מען זיצט א גאנצע וואך אין שטוב מיט די קינדער, נאך א סעודה און נאך א סעודה.**

א פרק משניות נעמט נישט לאנג צו לערנען, עס נעמט אין דורכשניט צוויי מינוט גורס צו זיין א פרק משניות. ווען מען הייבט אן גורס זיין משניות, מען זאגט א פרק נאך א פרק, אפילו מען פארשטייט נישט - דעמאלט היט מען די צייט. ווען מען האט אן איבעריגע מינוט, צי אינמיטן די ארבעט, צי מען איז אונטערוועגנס, צי מען ווארט ביי א דאקטער וכו' וכו', - כאפט מען אריין פרקים משניות, אזוי איז יעדע מינוט אפגעהיטן.

עס שטייט אין תיקוני זוהר (הקדמה, ה.) אז די ראשי תיבות פון זְ'רָעִים מ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת איז "זְמַן נָקַט"; האב איך געהערט פון א ברסלב'ער חסיד א הערליכע פשט, אז איינער וואס לערנט משניות האלט די צייט אין די האנט - "זְמַן נָקַט". וואו ער גייט נעמט ער מיט זיך א משניות, אזוי האט ער אסאך צייט.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן, מען קען וויסן אויף איינעם צי ער דרייט זיך אין "היכל הקודש", אויב זעט מען אים שטענדיג מיט א משניות אין די האנט, איז א סימן אז ער דרייט זיך אין היכל הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**